בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת תְּרוּמָה

290

תשפ"ג

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
### וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
### בארא פארק
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
### בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
### מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
### ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
### בני ברק
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג מֶען בְּרֶענְגֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער שַׁבָּת אִין שׁוּל?...............................................א

פַאְרְוָואס בַּיים גֵיין שְׁלָאפְן פַאלְט אוֹיף מִיר אַרוֹיף אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע?.....................ג

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ פִירְן מִיט צְנִיעוּת בַּיים אַרְבֶּעטְס פְּלַאץ?............ד

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין טַאטֶע זוּכְט נִישְׁט אַ שִׁידוּךְ פַאר מִיר?................................ה

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ וִויל גֵיין זוּכְן אִיר אֵייגֶענֶע וֶועג אִין לֶעבְּן?....................ז

דַארְפְן מִיר בֶּעטְן פַאר נָאךְ קִינְדֶער?.....................................................ט

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מַסְבִּיר אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער?..........................................י

וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז מַיין מַאן זָאל זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין טַאטֶע?.....................יב

זָאל אִיךְ לֶערְנֶען מַסֶּכֶת מוֹעֵד קָטָן?.......................................................יג

דַארְף אִיךְ גֵיין מִיט מַיין וַוייבּ צוּ וַואקַאצְיֶע, אוֹיסְפְלוּגְן אוּן גֶעשֶׁעפְטְן?.................יד

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיפְקוּקְן מַיין מַאן?...................................................טז

וִוי אַזוֹי רֶעד אִיךְ צוּ דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶערָאר אַטַאקֶע?.................יח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

גֶעוואוֹרְן זִיךְ צוּ נִישְׁט צוּ טוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אָן פְרֶעגְן..........................................א

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז תַלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה הָאבְּן אַ גֶעפִיל מִיר צוּ הֶעלְפְן.....................ב

אַ שֵׁיינֶע גְרוּס פוּנֶעם בַּעַל הַבַּיִת וואוּ דוּ אַרְבֶּעסְט.........................................ב

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן גֶעבְּן דַיין שְׁטוּב פַאר דִי פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם...............................ג

הֵייבְּן דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי מַאכְן אַ סִיּוּם.....................................................ג

פוּן אֵייעֶר זַייט זָאל זַיין שָׁלוֹם.............................................................ה

אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע עֶנְגְשַׁאפְטְן......................ו

אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען מִיט דִי חֲתַנִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ......................... ז

נִישְׁט דַאוֶונֶען שַׁבָּת אָן מִנְיָן ................................................. ז

מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְפָּאפְּן קִינְדֶער, זֵיי טוּעֶן וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן לִיבּ .............. ח

גֵייט נָאךְ דִי אֵיידֶעלֶע אִין דִי מִשְׁפָּחָה, גֵייט נָאךְ דִי בַּאשֵׁיידֶענֶע.................. ט

אַ מֶענְטְש אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּם בּוֹים, מִיר קֶענֶען זִיךְ גוּט בַּאנֵייעֶן.................... ט

הֶערְלִיךְ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, אַ גְרוֹיסֶע הֲפָצָה............................. י

דִי שָׁאטֶעל זָאל זַיין בַּאקְוֶועם פַּאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל ............... יא

זִיךְ קֵיינְמָאל אַרַיינְמִישְׁן אִין יֶענֶעמְ'ס גֶעשֶׁעפְטְן ............................... יא

זָאלְסְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה ווִי פְּרִיעֶר ........................... יב

אַז דוּ ווִילְסְט אַרַיינְשִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער, דַארְפְסְטוּ רֶעדְן מִיטְן מְנַהֵל ............ יג

אִין קוּרְצְן וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אַלְץ גֶעלֶערְנְט................................ יד

אַרַיינְלֵייגְן וַוארֶעמְקֵייט אִין דִי קִינְדֶער ............................................. טז

מֶען דַארְף לֶעבְּן אַזוֹי ווִי דִי תּוֹרָה הֵייסְט............................................. טז

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען דַיין ווַייבּ זָאל זַיין מִיט דִיר ................................ יז

פַּארְוָואס זִיךְ זָארְגְן אוֹיף אַ וֶועלְט וָואס בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ אַייךְ?..................יח

אִיר קֶענְט הָאבְּן הַצְלָחָה נָאר אוֹיבּ עֶנְק וֶועלְן זַיין בְּאַחְדוּת.......................... יט

יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט גוּט, נָאר אִיךְ לַייד ................................................ כ


# הקונטרס הוא לזכות
# הענא בת ראכל
# לרפו"ש בתשח"י

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג מֶען בְּרֶענְגֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער שַׁבָּת אִין שׁוּל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אִיבֶּער בְּרֶענְגֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער שַׁבָּת אִין שׁוּל, עֶס אִיז זִיכֶער אַז אוֹיבּ דָאס קִינְד מַאכְט אַ גֶערוּדֶער אוּן דְרֵיידְט אִיבֶּער דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קֶען מֶען זֵיי נִישְׁט בְּרֶענְגֶען אִין שׁוּל, אִיךְ פְּרֶעג אָבֶּער וֶועגְן מַיינֶע קִינְדֶער וָואס בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אוּן וֶוען דֶער רָב פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ רֶעדְט - וֵוייסְן זֵיי צוּ זַיין שְׁטִיל, אָבֶּער סְתָּם אַזוֹי אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְלַאנְגֶען פוּן זֵיי צוּ זִיצְן שְׁטִיל דִי גַאנְצֶע צַייט נֶעבְּן מִיר, אוּן זֵיי ווִילְן אוֹיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן.

גֶעוֶוענְלִיךְ שְׁפִּילְן זֵיי בַּיי מַיין טִישׁ אִין שׁוּל מִיט זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, זֵיי קְרִיכְן אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ אוּן טַאנְצְן אַבִּיסְל אַרוּם, רוּאִיג אוּן שְׁטִיל. אָבֶּער מַיין חַבֵר הָאט מִיר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַז דָאס שְׁטֶערְט לְכְאוֹרָה מֶענְטְשׁ פוּן דַאוֶונֶען, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל אִיךְ אָבֶּער יָא בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל, זֵיי זָאלְן הַנָאָה הָאבְּן אוּן טְרֶעפְן חֲבֵרִים, אוּן זֵיי זָאלְן זֶען ווִי אַזוֹי מֶען דַאוֶונְט. דִי קִינְדֶער הָאבְּן טַאקֶע לִיבּ צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל, אוּן אוֹיךְ מַיין וַוייבּ הָאט הֲנָאָה דֶערְפוּן ווִי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען זֵיי נָאךְ קְלֵיין אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן זֵיי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן ווִי גְרוֹיסֶע קִינְדֶער.

לְמַעֲשֶׂה וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן, דַארְף אִיךְ זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט דֶעם אַז אֶפְשָׁר שְׁטֶערְן זֵיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דַאוֶונֶען? אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן גְרוֹיסֶע אִיבֶּערְדְרֵייעֶנִישְׁן מִיט קוֹלוֹת, מֶען רֶעדְט סְתָּם פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס שְׁפִּילְן זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ״ט שׁוֹבָבִי״ם, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, מֶען קֶען בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין שׁוּל נָאר אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זֵיי, וַוייל אַז מֶען בְּרֶענְגְט קִינְדֶער אִין שׁוּל אוּן מֶען לָאזְט זֵיי אוֹיף הֶפְקֵר - אִיז עֶנְדֶערְשׁ זֵיי צוּ לָאזְן אִין שְׁטוּבּ.

בְּרֶענְג דַיינֶע קִינְדֶער אִין שׁוּל, אָבֶער נָאר אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן, אוּן דוּ וֶועסְט דַאוֶוענֶען מִיט זֵיי, דוּ וֶועסְט זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אוֹיף כָּבוֹד בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער. מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווִי אַזוֹי עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט דִי קִינְדֶער, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן פַאר זֵיי, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפִילְט אַ גְלֶעזְל טְרֶערְן בַּיי תִּיקוּן חֲצוֹת פַאר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען״.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן דִי הַצְלָחָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״וָואס מֵיינְט אִיר, קִינְדֶער זֶענֶען עֶפֶּעלֶעךְ וָואס מֶען רַייסְט אַרָאפּ פוּן בּוֹים? אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַאַרְוָואס בַּיים גֵיין שְׁלָאפְן פַאלְט אוֹיף מִיר אַרוֹיף אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן מִיךְ אַרוֹיסְגֶעמֶען פוּן מַיין עֶנְקְזַייעֶטִי, זַייט אִיךְ הָאב גֶענוּמֶען דִי מִשְׁנַיוֹת מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט פִיל אִיךְ אַסַאךְ בֶּעסֶער.

אֵיין זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ נָאךְ אִיז, אַז וֶוען עֶס קוּמְט בַּיינַאכְט אוּן אִיךְ טְרַאכְט אַז בַּאלְד דַארְף מֶען שׁוֹין גֵיין שְׁלָאפְן - פַאלְט מִיר יֶעדְן טָאג אַרוֹיף אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ פַארְוָואס. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גַאנְצְן טָאג בִּין אִיךְ פַיין, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער דִי צַייט פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן - וֶוער אִיךְ זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס זֶענֶען דָא טֶעג וֶוען עֶס אִיז בֶּעסֶער אוּן עֶס אִיז דָא טֶעג וָואס עֶס אִיז עֶרְגֶער, דָאס חַזֶר'ט זִיךְ אָבֶער אִיבֶּער כִּמְעַט יֶעדְן טָאג אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַז אִיךְ זָאל גֵיין שְׁלָאפְן זֵייעֶר שְׁפֶּעט ווייל אִיךְ וִויל נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן שְׁלָאפְן נָאר וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁפֶּעט אוּן אִיךְ הָאב שׁוֹין נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה דֶעמָאלְט גֵיי אִיךְ אַרַיין אִין בֶּעט. וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל' שׁוֹבָבִי"ם, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת ב'תשפ"ג**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן גֵיין שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט אוּן פוּן אוֹיפְשְׁטֵיין שְׁפֶּעט קוּמְט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, פוּן אַ טִיפֶע דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ, פַארְלֵייג זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.**

**דָא הָאסְטוּ אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה:**

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ זָאל טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אִין אַלֶע מַיינֶע בֵּיינֶער, אִין אַלֶע מַיינֶע אָדֶערְן.**

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן. אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט אַז אִיךְ זֶע דִיךְ נִישְׁט אוּן אִיךְ טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִיר, אִיךְ פַארְגֶעס פוּן דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דָאס מַאכְט מִיךְ זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן בִּיטֶער, דָאס מַאכְט אִיךְ זָאל זַיין בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה. בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער טַאטֶע, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן קַיין אֵיין סֶעקוּנְדֶע פוּן דִיר אוּן אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ. אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט מַיינֶע מִצְוֹת וָואס אִיךְ טוּ. הֶעלְף מִיר טַאטֶע אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ וֶועל שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶועלְן, נָאר וֶוערְן אֵיינְס מִיט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ פִירְן מִיט צְנִיעוּת בַּיים אַרְבֶּעטְס פְּלַאץ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג רוּפְן מֶענֶער בַּיי זֵייעֶר עֶרְשְׁטֶע נָאמֶען? בַּיי מַיין אַרְבֶּעט קוּמְט מִיר אוֹיס אַסַאךְ מָאל צוּ דַארְפְן רוּפְן מֶענֶער, וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן מִיט צְנִיעוּת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל' שׁוֹבָבִי"ם, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג
לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אִין אָפִּיס פוּן פְרֶעמְדֶע מֶענֶער, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ אַרְבֶּעטְן אִין אַן אָפִּיס מִיט אַ פְרֶעמְדֶער מַאן. מֶען דַארְף דָאס דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן רָב, אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן יִחוּד; כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף אִיסוּר יִחוּד.

פַארְלָאזְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דֶעם בַּעַל הַבַּיִת וָואס עֶר זָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי הֲלָכוֹת, אִיר זָאלְט אַלֵיינְס פְרֶעגְן (בַּיי אַ מֵיידְל זָאל דֶער טַאטֶע פְרֶעגְן אוּן בַּיי אַ וַוייבְּל - דֶער מַאן) פִּינְקְטְלִיךְ אַלֶע הֲלָכוֹת, וַוייל אִיסוּר יִחוּד אִיז זֵייעֶר הַארְבּ, עֶס זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים וָואס זָאגְן אַז דָאס אִיז אַן אִיסוּר דְאוֹרַיְיתָא.

עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ רוּפְן אַ פְרֶעמְדֶער מַאנְסְפֶּערְזָאן נָאר בַּיי דִי מִשְׁפָּחָה נָאמֶען, דָאס מַאכְט מֶען זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי הֵיימִישׁ, עֶס אִיז אַ גוּטֶע גֶדֶר אִין צְנִיעוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין טַאטֶע זוּכְט נִישְׁט אַ שִׁידוּךְ פַאר מִיר?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, וָואס גֶעבְּן מִיר אַסַאךְ חִיזוּק.

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל פוּן דְרֵיי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אוּן מַיין טַאטֶע זוּכְט נִישְׁט קֵיין שִׁידוּךְ פַאר מִיר. אוֹיבּ אֵיינֶער רוּפְט אִים אָן וֶועגְן שִׁידוּכִים הֶערְט עֶר זִיךְ צוּ, אָבֶּער שַׁדְכָנִים וֵוייסְן בִּכְלַל נִישְׁט פוּן מִיר, עֶר אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ נִישְׁט אֱמֶת'דִיג צוּ זוּכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר מִיר.

אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּפִיל רֶעדְן מִיט אִים וֶועגְן דֶעם, עֶר אִיז שׁוֹין אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן; וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער טוּן דֶערְצוּ, אִיךְ וִויל שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל' שׁוֹבבִי"ם, ט"ז שְׁבָט, שְׁנַת ה'תשפ"ג

... תְּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ שִׁידוּךְ הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי תּוֹרָה, אִין נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט, לָבָן אוּן בְּתוּאֵל הָאבְּן גֶעזָאגְט פַּאר אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם: "מִיר קֶענֶען נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן רִבְקָה פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט יִצְחָק, וַוייל "מֵה' יָצָא הַדָּבָר" (בְּרֵאשִׁית כד, נ). אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ, כִּי מֵה' הִיא", דִי עֶלְטֶערְן פוּן שִׁמְשׁוֹן הַגִּבּוֹר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְוּיסְט אַז זַיין שִׁידוּךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", אַ הוֹיז אוּן אַ פַּארְמֶעגְן קֶען מֶען בַּאקוּמֶען בִּירוּשָּׁה פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶער אַ שִׁידוּךְ קֶען מֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען בִּירוּשָּׁה פוּן עֶלְטֶערְן, דָאס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

אַנְשְׁטָאט זָארְגְן - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ אַ תְּפִלָּה אוּן נָאךְ אַ תְּפִלָּה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהַגּוּנִים", דוּרְךְ תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים; נִישְׁטָא נָאךְ עֶפֶּעס וָואס מֶען קֶען טוּן אוֹיסֶער תְּפִלָּה, תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה פַאר אַ בָּחוּר אוּן מֵיידְל וָואס וַוארְטְן אוֹיף זֵייעֶר שִׁידוּךְ, בֶּעטְן דִי פָּאר וֶוערְטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג"; נָאר מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן אַ שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ וִויל גֵיין זוּכְן אִיר אֵייגֶענֶע וֶועג אִין לֶעבְּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע דִילֶעמָא אִין לֶעבְּן. בִּיטֶע הֶעלְפְּט מִיר.

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ חֲסִידִישֶׁע מֵיידְל פוּן אַ חֲסִידִישֶׁע שְׁטוּבּ. אַלְס מֵיידְל הָאט זִי זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אִין פְּלַאץ, אוּן אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר, צוּבִּיסְלֶעךְ, טְרַאכְט זִי מֶער אוּן מֶער אַז זִי וִויל נִישְׁט אַזַא סָארְט חֲסִידִישֶׁע לֶעבְּן, זִי וִויל נִישְׁט קֵיין חֲסִידִישֶׁע חִינוּךְ פַאר דִי קִינְדֶער, נִיטְאַמָאל "חֲרֵדִי", נָאר מֶער "דָתִי לְאוּמִי". זִי וִויל גֵיין אָנְגֶעטוּן אַנְדֶערְשׁ, זִי נֶעמְט עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער אַז דִי תַקָנוֹת פוּן אוּנְזֶער גֶעגְנְט לָאזְן אִיר נִישְׁט דְרֵייוְון, זִי רֶעדְט זִיךְ אָפּ אַז זִי וֶוערְט קָאנְטְרָאלִירְט, זִי מוּז גֵיין מִיט אַ קוּרְצֶע שֵׁייטְל אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. זִי לַיידְט פוּן שְׁטַארְקֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע (דִיאַגְנָאזִירְט), זִי פִּילְט זִיךְ מַמָשׁ ווִי אִין תְּפִיסָה. דָאס אַלֶעס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער אִיר מַצָב הַנֶפֶשׁ, זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט זֶען לַיידְן אַזוֹי אַ גַאנְץ לֶעבְּן, זִי וִויל אַלֶעס אָפְּלָאזְן, מִיךְ אָפְּלָאזְן, זִי וִויל זוּכְן אִיר וֶועג אִין לֶעבְּן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דָאס אִיז אַלֶעס מַמָשׁ בְּקִיצוּר נִמְרָץ אוֹיפְן שְׁפִּיץ גָאפְּל.

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, וָואס קֶען הֶעלְפְן? אוּנְזֶער שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אָן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען בָּרוּךְ הַשֵׁם. זִי אִיז אַ גוּטֶע מַאמֶע צוּ עֶטְלִיכֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זִי רֶעסְפֶּעקְט מִיךְ אוּן זִי פִּילְט מַמָשׁ שְׁלֶעכְט פַאר מִיר אַז אִיךְ דַארְף דָאס אַרִיבֶּערְגֵיין, זִי טַעְנָה'ט אָבֶּער אַז זִי הָאט מַמָשׁ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה, זִי לַיידְט יִסּוּרֵי נֶפֶשׁ יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע מִינוּט, אוּן עֶס אִיז צוּ אַ טֵייעֶרֶע פְּרֵייז צוּ צָאלְן.

אִיךְ בֶּעט זִיךְ בְּרַחֲמִים בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. בִּיטֶע הֶעלְפְּט מִיר אוּן גֶעבְּט מִיר אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין, אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן בְּלַייבְּן אַלֵיין, עֶס אִיז אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען זֵייעֶר צוּגֶעבִּינְדְן צוּם מַאמֶע'ן, הַלְוַאי אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן אַבִּיסְל מֶער בַּאֲרִיכוּת אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל' שׁוֹבְבִי"ם, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג**

**לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַס וְחָלִילָה גֵיין צֶעבְּרֶעכְן אַ מִשְׁפָּחָה וֶועגְן אַזֶעלְכֶע זַאכְן. בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל אִין אַמֶערִיקֶע זֶענֶען דָא עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן, גָאר חָשׁוּבְ'ע פְרוֹיעֶן - וָואס דְרֵייוְון, אוּן אוֹיךְ חָשׁוּבְ'ע אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע פְרוֹיעֶן מִיט לֶענְגֶערֶע שֵׁייטְלֶעךְ, וָואס זֵיי פִירְן הֶערְלִיכֶע שְׁטוּבֶּער אוּן זֶענֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי אוֹיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מוֹהֲרָא"ש אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע קְהִילָה אִין יַבְנְאֵל וָואס דִי פְרוֹיעֶן דְרֵייוְון, אוּן אוֹיךְ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶערֶעדְט אַז מֶען זָאל זִיךְ אָנְטוּן אַ שֵׁייטְל, אַזוֹי אִיז דִי קָאפּ צוּגֶעדֶעקְט.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט צֶעבְּרֶעכְן דַיין מִשְׁפָּחָה וֶועגְן דִי צְוֵויי זַאכְן, עֶס אִיז מַמָּשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג) אַז דֶער בַּעַל דָּבָר פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער, זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, בְּלַייבּ מִיט אִיר, צֶעטֵייל נִישְׁט דַיין שְׁטוּבּ צוּלִיבּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן. לָאז אִיר דְרֵייוְון אוּן לָאז אִיר גֵיין אַ שֵׁייטְל, מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ אוּן זַיי אִיר מְחַזֵק. קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף פְרוֹיעֶן, וְוִי שְׁוֶוער עֶס אִיז זֵיי מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן וֶוען דֶער מַאן לַאכְט זִיךְ אוֹיס, עֶר אִיז טָאג אוּן נַאכְט מִיט חֲבֵרִים, אוּן אוֹיף אִיר אִיר שַׁאפְט עֶר: "טוּ נִישְׁט דָאס" אוּן "טוּ נִישְׁט דָאס", בִּיז עֶס וֶוערְט זֵיי זֵייעֶר בִּיטֶער אוּן זֵיי ווִילְן אַלֶעס אָפְּלָאזְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת; דוּ זָאלְסְט נָאר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן שְׁטַארְקְן.

...

## דַארְפְן מִיר בֶּעטְן פַאר נָאךְ קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן וָואס אִיךְ דַארְף טוּן אִין מַיין מַצָּב. מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶטְלִיכֶע קִינְדֶערְלֶעךְ אוּן מַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט הָאבְּן מֶער קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ וִויל יָא. זִי טַעְנָה'ט אַז זִי אִיז שׁוֹין אִיבֶּער דִי פֶערְצִיג אוּן זִי שְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט פַאר אִירֶע כֹּחוֹת, אָבֶּער אִיךְ מֵיין אַז זִי הָאט סְתָם נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד. זָאל אִיךְ מְוַתֵּר זַיין פַאר אִיר, אָדֶער זִיךְ שְׁטַארְק שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶעם? וַוייל אִיךְ וִויל דָאס זֵייעֶר שְׁטַארְק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל' שׁוֹבָבִי"ם, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "כִּי אָמַר", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג פוּן צַעַר גִּדּוּל בָּנִים, צַעַר לֵידָה וְכוּ'.**

**אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם, סִימָן רסג): "סִפֵּר לִי אֶחָד שֶׁהָיָה מֵשִׂיחַ עִמּוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מֵעִנְיַן בְּנֵי הַנְּעוּרִים, שֶׁשָּׁכִיחַ מְאֹד שֶׁנַּעֲשֶׂה קִלְקוּל בֵּינֵיהֶם וּבֵין נְשׁוֹתֵיהֶם, וְנִפְרָדִים זֶה מִזֶּה אֵיזֶה זְמַן, וְלִפְעָמִים נַעֲשֶׂה מִזֶּה פֵּרוּד לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם", אֵיינֶער הָאט מִיר פַארְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, "אָמַר, שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז**

מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר. דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ - כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשָּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

רַבִּי חַיִּים וִיטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (שַׁעַר הַמִּצְווֹת, פָּרָשַׁת עֵקֶב): "רָאִיתִי לְמוֹרִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעֶן בַּיי מַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל, "שֶׁלֹּא הָיָה חוֹשֵׁשׁ בְּעַצְמוֹ לְהִתְכַּבֵּד בְּמַלְבּוּשִׁים נָאִים יוֹתֵר מִדַּי", עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוֹיפְט קַיין טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער פַאר זִיךְ, "גַּם בְּמַאֲכָלוֹ הָיָה אוֹכֵל דָּבָר מוּעָט מְאֹד", אוֹיךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין סַאךְ, עֶר פְלֶעגְט עֶסְן זֵייעֶר וֵוייניג, "אֲבָל בְּמַלְבּוּשֵׁי אִשְׁתּוֹ", אָבֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין וַוייבּ, "הָיָה זָהִיר מְאֹד לְכַבְּדָהּ וּלְהַלְבִּישָׁהּ", הָאט עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אִיר צוּ מְכַבֵּד זַיין מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, "וְהָיָה מֵפִיק כָּל רְצוֹנָהּ אַף אִם לֹא הָיְתָה יָדוֹ מַשֶּׂגֶת כָּל כָּךְ", אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט הָאט עֶר אִיר צוּפְרִידְן גֶעשְׁטֶעלְט דָאס מֶערְסְטֶע וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט; זָאלְסְטוּ אוֹיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ.

בְּנוֹגֵעַ בְּרֶענְגֶען נָאךְ קִינְדֶער; דָאס זָאלְט אִיר אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן מִיט עֶנְקֶער רַב. דוּ אוּן דַיין וַוייבּ, בֵּיידֶע - זָאלְן עֶנְק אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ עֶנְקֶער רָב אוּן עֶר וֶועט אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווי אַזוֹי אִיז מֶען מַסְבִּיר אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן אוֹיף אוּנְזֶער לֶעבְּן.

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ רֶעדְן כְּסֵדֶר צוּ מַיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אָבֶער מַיין אִינְגל, צֶען יָאר אַלְט, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר וֵויינֶען בַּיינַאכְט אַז פַאר עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע טְרַאכְט עֶר מָאדְנֶע זַאכְן, עֶר טְרַאכְט אַז וָואס עֶר גֵייט יֶעצְט זָאגְן אִין קְרִיאַת שְׁמַע אִיז נִישְׁט אֱמֶת חַס וְשָׁלוֹם, אוּן עֶס שְׁטֶערְט אִים.

ווי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אוּן מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ קִינְד אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ אַז יָא, דָאס אִיז אֱמֶת - אַז מִיר הָאבְן אֵיין אֵיינְצִיגֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל׳ שׁוֹבְבִי"ם, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶעד מִיט דַיינֶע קִינְדֶער וָואס מֶער פוּן אֱמוּנָה - וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וַוייל ווי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה - וֶוערְט שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער דִי אֱמוּנָה. אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן י): "אֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אֱמוּנָה אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם מוֹיל; דוּרְךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה - בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה. אַלֶע דִיבּוּרִים זָאלְן זַיין אֱמוּנָה.

עֶס אִיז גוּט אַז דַיין וַוייבּ זָאל מַאכְן חַלּוֹת לְכָבוֹד שַׁבָּת אוּן בַּיים אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה זָאל זִי בֶּעטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְן אֱמוּנָה. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק ב׳, סִימָן יד): "אִשָּׁה הַזְּהִירָה בְּחַלָּה", אַ פְרוֹי וָואס שֵׁיידְט אָפּ חַלָּה, "בָּנֶיהָ בַּעֲלֵי אֱמוּנָה", וֶועלְן אִירֶע קִינְדֶער הָאבְן אֱמוּנָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, צַדִּיקִים; דִי תְּפִילוֹת וָואס עֶלְטֶערְן בֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע סְגוּלָה פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז מַיין מַאן זָאל זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין טַאטֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען מַאכְן אַז מַיין מַאן זָאל זִיךְ בֶּעסֶער אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין טַאטֶע, עֶר גֶעבְּט זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין עֵצָה מִיט אִים, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

מִיר הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק, אוּן אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק עֶר זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע קֶשֶׁר מִיט מַיין טַאטֶע, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל׳ שׁוֹבָבִי"ם, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט אַזוֹי ווִי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן יב, ג) עֶר הָאט מְשַׁנֶה גֶעוֶועןן מִפְּנֵי הַשָּׁלוֹם. רְאוּבֵן אִיז גֶעוֶוען צֶעקְרִיגְט מִיט שִׁמְעוֹן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵייטְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רְאוּבֵן: "שִׁמְעוֹן ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק מַאכְן שָׁלוֹם, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ נָאר פוּן דִיר, עֶר הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ", אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן מִיט שִׁמְעוֹן, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "רְאוּבֵן ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק רֶעדְן מִיט דִיר, אָבֶּער עֶר שֶׁעמְט זִיךְ"; בִּיז זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵייטְן אוּן שָׁלוֹם גֶעמַאכְט.

זָאגְט אַייעֶר מַאן ווִי שְׁטַארְק אַייעֶר טַאטֶע הַאלְט פוּן אִים, אוּן פַאר אַייעֶר טַאטֶע זָאלְט אִיר זָאגְן אַז אַייעֶר מַאן רֶעדְט זֵייעֶר שֵׁיין פוּן אִים, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט וֵויי גֶעטוּן דֶעם צְוֵייטְן - קֶען מֶען נָאכְמַאלְץ זָאגְן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, ווִי: "יֶענֶער הַאלְט פוּן דִיר, עֶר הָאט זִיךְ פַארְלוֹירְן - הָאט עֶר גֶעזָאגְט וְכוּ׳, אָבֶּער עֶר מֵיינְט נִישְׁט".

דוּרְכְן גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵייטְן קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס

קַיין שָׁאדְן, עֶס קוּמְט אַרוֹיס נָאר גוּטְס, אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא אַז יֶענֶער וֶועט זָאגְן עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אוּן אוֹיב אֵיינֶער אִיז אַבִּיסְל שַׁארְפֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן, זָאגְט מֶען יֶענֶעם: "מַיין מַאן אִיז זֵייעֶר הַייקְל, עֶר קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי וֶועג פוּן רֶעדְן שְׁטַארְק", אָדֶער מֶען זָאגְט פַארְן מַאן: "מַיין טַאטֶע אִיז זֵייעֶר הַייקְל, עֶר נֶעמְט יֶעדֶע זַאךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ, זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן"; אַ פְּרוֹי מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל - קֶען מַאכְן אִיר מַאן מִיט אִיר טַאטֶע זָאלְן זַיין זֵייעֶר נָאנְט.

וֶוען אִיר צִינְדְט לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה, אוּן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; וַוייל וָואס תְּפִלָּה פּוֹעֶלְ'ט - קֶען מֶען נִישְׁט פּוֹעֶלְ'ן מִיט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ לֶערְנֶען מַסֶכֶת מוֹעֵד קָטָן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הַאלְט יֶעצְט פַאר מַסֶכֶת מוֹעֵד קָטָן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל לֶערְנֶען דִי מַסֶכְתָּא; עֶפֶּעס לִיגְט מִיר אִין קָאפּ אַז הֱיוֹת עֶס הָאט עִנְיָנִים פוּן אֲבֵלוּת - לֶערְנְט מֶען עֶס נָאר אִין גֶעווִויסֶע צַייטְן, עֶס אִיז מִיר נוֹגֵעַ יֶעצְט אִינֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד.

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעס בִּיז אַהֶער אוּן הַצְלָחָה רַבָּה אוֹיף וַוייטֶער

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל"א שׁוֹבָבִי"ם, י"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ח): "כְּשֶׁלוֹמְדִין מִלֵּי דְפוּרְעָנוּתָא (כְּגוֹן כְּשֶׁלוֹמְדִין הִלְכוֹת אֲבֵלוּת וְכַיּוֹצֵא) אֵין לְעַיֵּן שָׁם הַרְבֵּה", וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ לֶערְנֶען זַאכְן פוּן שְׁטְרָאף רֵייד אָדֶער הֲלָכוֹת פוּן טְרוֹיעֶרְן - זָאל מֶען

דָאס נִישְׁט לֶערְנֶען צוּ טִיף, "כִּי אֵין צְרִיכִין לְהַעֲמִיק הַמַּחֲשָׁבָה בִּמְקוֹמוֹת כָּאֵלּוּ", מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְטוּן אִין דִי זַאכְן, "כִּי הַמַּחֲשָׁבָה יֵשׁ לָהּ תֹּקֶף גָּדוֹל", וַוייל פוּן וָואס מֶען טְרַאכְט - דָאס פַּאסִירְט, (כַּמְבֹאָר בִּמְקוֹמוֹת אֲחֵרִים) וְעַל־כֵּן צְרִיכִין לַעֲבֹר בִּמְהִירוּת מְקוֹמוֹת כָּאֵלּוּ, דֶערִיבֶּער זָאל מֶען דָאס שְׁנֶעל לֶערְנֶען.

אַז דוּ לֶערְנְסְט שַׁ"ס אוֹיפְ'ן סֶדֶר אוּן דוּ לֶערְנְסְט דָאס אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), פוּן לֶערְנֶען שְׁנֶעל - קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען מַסֶּכֶת מוֹעֵד קָטָן. נָאר אַז מֶען וִויל דָאס לֶערְנֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע עִיּוּן - דֶעמָאלְט אִיז גוּט דָאס צוּ לֶערְנֶען וֶוען עֶס אִיז נוֹגֵעַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף אִיךְ גֵיין מִיט מַיין וַוייבּ צוּ וַואקַאצִיעֶ, אוֹיסְפְּלוּגְן אוּן גֶעשֶׁעפְטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ בַּאדַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק אוּן פַאר'ן מִיר גֶעבְּן אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן; שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י, מִשְׁנַיוֹת, בַּית נִצְחִי אוּן נָאךְ פִילֶע גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ הָאבּ אַ וִויכְטִיגֶע שְׁאֵלָה צוּ פְרֶעגְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, מַיין וַוייבּ אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי בָּרוּךְ הַשֵּׁם, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּ אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם.

פַאר מַיין וַוייבּ אִיז וִויכְטִיג צוּ גֵיין אַסַאךְ אוֹיף וַואקַאצִיעֶ, גֵיין גָלוּת לַיידְן, גֵיין אוֹיף אוֹיסְפְּלוּגְן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז דִי פְּלֶעצֶער וואוּ זִי וִויל גֵיין מִיט מִיר זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אֵיין מָאל בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר קַיין פְלַארִידֶע אוּן אִיךְ בִּין נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אוּמְווִילְנְדִיג אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם. אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַייעֶר נִישְׁט גוּט שְׁפִּירְן, אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דֶעם; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעוָואלְט גֶעבְּן אַ סִימָן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ גֵיין צוּ דִי סָארְט פְּלֶעצֶער.

מַיין וַוייבּ רֶעדְט זִיךְ אוֹיךְ אָפּ אַז אִיךְ ווִיל נִישְׁט גֵיין מִיט אִיר צוּ רוֹב פְּלֶעצֶער וואוּ זִי ווִיל גֵיין אִין דִי זוּמֶער; צוּ גוֹי'אִישֶׁע מָאלְס, פַּארְקְס, גוֹי'אִישֶׁע גֶעשֶׁעפְטְן און דָאס גְלַייכְן. וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז מַיין הַארְץ לָאזְט מִיר נִישְׁט אַהִינְגֵיין, און אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין קַיין פְלַארִידֶע וָואס רוֹב זִיכֶער גֵיי אִיךְ דָארְט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת און אוֹיךְ אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער.

אִיךְ וֵויין יֶעצְט בִּשְׁעַת אִיךְ שְׁרַייבּ דִי שׁוּרוֹת; פַארְוָואס ווִיל מַיין וַוייבּ אִיךְ זָאל גֵיין צוּ פְלֶעצֶער וָואס גֵייט מִיר פַארְבְּרֶענֶען מַיין נְשָׁמָה? אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר צוּ גֶעבְּן אַן עֶנְטְפֶער וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, ל"ב שׁוֹבָבִי"ם, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת "שְׁלוֹם בַּיִת"; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "כִּי אָמַר, הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג פוּן צַעַר גִּדּוּל בָּנִים, צַעַר לֵידָה וְכוּ'.

גֵיי מִיט אִיר אוֹיף וַואקַאצְיֶע; וָואס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ צוּ גֵיין אַבִּיסְל מִיט דִי וַוייבּ זִיךְ אָפְּרוּעֶן, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ מַאכְן וֶועגְן דֶעם אַ רַייבֶּערַיי, גֶעבּ נִישְׁט דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם עֶר זָאל צֶעבְּרֶעכְן דַיין שְׁטוּבּ, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שְׁלוֹם בַּיִת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן רסג): "שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר", דָאס אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, "שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים", דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, "כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", אַזוֹי כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי

קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּבַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", עֶר לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶּעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

גֵיי מִיט אִיר וַואקַאצְיֶע, גֵיי מִיט אִיר אַיינְקוֹיפְן; גֵיי נִישְׁט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא פְּרִיצוּת. אַז דוּ גֵייסְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין צוּם יַם וואוּ עֶס אִיז דָא פְּרִיצוּת. גֵיי מִיט אִיר שְׁפַּאצִירְן אוּן אַיינְקוֹיפְן, וֶועט זִי לֶעבְּן מִיט דִיר בְּשָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיפְקוּקְן מַיין מַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק.

מִיר הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק אוּן אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען אַרוֹיפְקוּקְן אוּן שֶׁעצְן מַיין מַאן אִין דִי צַייט ווָאס אִיךְ קֶען תַּנַ"ךְ בֶּעסֶער פוּן אִים. עֶר שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט אוּן גֵייט שְׁפֶּעט אוּן כּוֹלֵל, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים אַזוֹי אַרוֹיפְקוּקְן?

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אוּן ווַייזְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ פַארְבֶּעסֶערְן מַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל' שׁוֹבָבִי"ם, ט"ז שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "נַ"ךְ אִיז מַיין מוּסָר סֵפֶר"; ווַייל גַאנְץ סֵפֶר נַ"ךְ אִיז אֵיין שְׁטִיק מוּסָר, עֶס לֶערְנְט ווִי שֵׁיין דָאס לֶעבְּן אִיז וֶוען מֶען פָּאלְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן צַדִיקִים;

דִי פַּיינְט קֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן וֶוען מֶען גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, וֶוען מֶען פָּאלְגְט דֶעם נָבִיא. אָךְ אוּן וֵויי אוֹיבּ מֶען לָאזְט אָפּ דִי תּוֹרָה, מֶען פָּאלְגְט נִישְׁט דִי נְבִיאִים, דִי צַדִּיקִים; דִי פֶּעלְקֶער קוּמֶען אוּן מַאכְן אַלֶעס חָרוּב הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, בִּיז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה - וֶוערְט אַלֶעס צוּרִיק גוּט.

אַז אִיר הָאט גֶעלֶערְנְט נַ"ךְ אוּן אִיר קֶענְט דָאס בֶּעסֶער פוּן אַייעֶר מַאן - דַארְף דָאס נִישְׁט מַאכְן אִיר זָאלְט אַרָאפְּקוּקְן אַייעֶר מַאן, אַדְרַבָּה דָאס דַארְף בְּרֶענְגֶען עֲנָוָה אוּן הַכְנָעָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ.

אַזוֹי אוֹיךְ אַז אִיר וֶועט מֶער צַייטְלִיךְ, אוּן אַייעֶר מַאן שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט - זָאלְט אִיר אִים נִישְׁט אַרָאפְּקוּקְן, מֶען קֶען נָאכְאַלְץ אַרוֹיפְקוּקְן אוֹיפְ'ן מַאן אוּן זֶען אִין אִים גוּטְס - אֲפִילוּ עֶר שְׁלָאפְט; זוּכְט אוֹיף אִין אִים גוּטֶע זַאכְן אוּן קוּקְט אוֹיף דֶעם.

מִיט אַבִּיסְל חָכְמָה אוּן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער - קֶען דִי וַוייבּ מַאכְן דֶעם מַאן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם. מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אִים שֶׁעצְן, זוּכְן דָאס גוּטְס אִין אִים אוּן אִים גֶעבְּן דֶעם גוּטְן גֶעפִיל וִוי עֶר אִיז יָא וֶוערְד - דוּרְכְדֶעם פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פַארְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד שֶׁהָיָה נָשׂוּי לַחֲסִידָה אַחַת, וְלֹא הֶעֱמִידוּ בָּנִים זֶה מִזֶּה, אָמְרוּ, אֵין אָנוּ מוֹעִילִים לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלוּם, עָמְדוּ וְגֵרְשׁוּ זֶה אֶת זֶה", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, עֶס אִיז אַרִיבֶּער לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעגֶ'גֶט. "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי אוּן זִי הָאט גֶעמַאכְט אַז אִיר מַאן דֶער צַדִּיק זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק", אוּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְרוֹי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## ווי אַזוֹי רֶעד אִיךְ צוּ דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶערָאר אַטַאקֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִי' צוּ פִירְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַן עֵצָה אִיבֶּער דִי לֶעצְטִיגֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶערָאר אַטַאקֶע וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען פארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם, ווִי דְרֵיי אִידִישֶׁע קָרְבָּנוֹת זֶענֶען לֵיידֶער אַוֶועקְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן פוּן אוּנְז, הַשֵּׁם יִנְקֹם דָּמָם. דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר צֶעשׁוֹידֶערְט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר זֵיי דָאס צוּ פַארְנֶעמֶען, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מְיַעֵץ זַיין ווִי אַזוֹי אוּן וויפִיל צוּ רֶעדְן מִיט זֵיי דֶערְוֶועגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל מֶער נִישְׁט הֶערְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע בְּשׂוֹרוֹת, אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל״ז שׁוֹבָבִי״ם, כ״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְנַהֵל אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה. זַיין אַ מְנַהֵל אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, דֶער מְנַהֵל אִיז נוֹטֵל שְׂכַר כְּנֶגֶד כּוּלָם וַוייל עֶר אִיז מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר זֶעט אַלֶעס זָאל זִיךְ פִירְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין; אַלֶעס וָואס דִי מְלַמְדִים לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן גַן עֵדֶן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן. אַז דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן אוּן אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ נָאךְ אַ טְרַאגֶעדְיֶע: 'וָואס אִיז גֶעשֶׁען?' זֵיי פְרֶעגְן כָּל מִינֵי קֻשְׁיוֹת: 'וואוּ אִיז דֶער קִינְד וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן?' 'וָואס אִיז יֶעצְט מִיט אִים?' דִי אַלֶע סָארְט קֻשְׁיוֹת וָואס קִינְדֶער פְרֶעגְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן, נָאר זָאגְן: "אַ אִיד הָאט צְוֵויי וֶועלְטְן, דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, אוּן וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט -

גֵייט מֶען אִין גַן עֵדֶן, און ווִי גוּט און וִוי שֵׁיין אִיז פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעהִיטְן דִי תּוֹרָה - אוֹיבְן אִין הִימְל, דִי נְשָׁמָה גֵייט אִין גַן עֵדֶן און הָאט דָארְט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן"; רֶעד מִיט בַּאק צֵיין, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי וֶוערְן רוּאִיג.

נָאר אֱמוּנָה בַּארוּאִיגְט, דִי אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶעטָאדְן וָואס קוּמֶען פוּן דִי אוּמּוֹת הָעוֹלָם - אִיז אַלֶעס פַאנְטַאזִיעֶס און עֶס בַּארוּאִיגְט נִישְׁט. נֶעבֶּעךְ פַּאר דִי וָואס גֵייעֶן צוּ מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ הֶעלְפֶערְס, אָדֶער נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּ טִיפּוּלִים וְכַדוֹמֶה, מֶען וֶוערְט דָארְט מֶער צֶעדְרֵייט. דֶער בָּשָׂר וָדָם זָאגְט: "יֶעצְט אָטֶעם אַרַיין און יֶעצְט אָטֶעם אַרוֹיס", "יֶעצְט פְּרוּבִּיר צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי שְׁרֶעק", און "יֶעצְט טְרַאכְט ווִי דִי שְׁרֶעק נֶעמְט דִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער", "יֶעצְט שְׁרֵיי" וְכַדוֹמֶה; דִי זַאכְן אִיז פַאר אוּמּוֹת הָעוֹלָם, אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אֱמוּנָה, אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן נָאךְ אַ וֶועלְט, אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ זַיין דֶערְשְׁרָאקְן.

אַזוֹי פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טוּן וֶוען עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זֵיי זָאגְן זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פוּן שְׁטַארְבְּן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמה): "מַה לָּכֶם לִדְאֹג מִן הַמִּיתָה?", וָואס זָארְגְט אִיר זִיךְ פוּן שְׁטַארְבְּן? "הֲלֹא שָׁם הוּא עוֹלָם נָאֶה בְּיוֹתֵר מִכָּאן", אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז פִיל אַ שֶׁענֶערֶע וֶועלְט ווִי דָא.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, זַיי מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים. דֶער עִיקָר אַרְבֶּעט פוּנֶעם מְנַהֵל דַארְף זַיין גֶעבְּן יֶעדְן טָאג אַ גוּט וָוארְט פַּאר יֶעדְן מְלַמֵד בַּאזוּנְדֶער, נִישְׁט נָאר וֶוען עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס צוּ קְרִיטִיקִירְן דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען אַפִּיר דֶעם מְלַמֵד, נָאר יֶעדְן טָאג גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי נָשֹׂא, פִּיסְקָא א): "אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לַמְּחוּזָּקִין"; מֶען דַארְף מְחַזֵק זַיין דִי וָואס גֶעבְּן חִיזוּק; דִי מְלַמְדִים אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, דַארְף מֶען זֵיי מְחַזֵק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ נִישְׁט צוּ טוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אָן פְּרֶעגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, כ״ב שׁוֹבָבִי״ם, ח׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג

לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֵיי יֶעדְן טָאג צוּם שִׁיעוּר הֲלָכָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט).

זַיי קְלוּג, נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט לֶערְנֶען. אִיךְ בַּאצְוִוינְג טַאקֶע נִישְׁט אַלֶע בָּחוּרִים צוּ גֵיין צוּם שִׁיעוּר הֲלָכָה וָואס מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים שְׁלִיטָ״א לֶערְנְט פָאר, אָבֶער דוּ זַיי קְלוּג אוּן גֵיי צוּם שִׁיעוּר, אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אַזוֹיפִיל צַייט אוּן גָארְנִישְׁט טוּן.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען פְלַייסִיג - וֶועסְטוּ מַאכְן אַ נַחַת פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן. דוּ הָאסְט דָאךְ אַזֶעלְכֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, וֶועסְטוּ הָאבְן אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אוּן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַן עֶרְלִיכֶער שִׁידוּךְ.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן, אִיךְ וִויל דָאךְ נָאר דַיין גוּטְס. אַזוֹי אוֹיךְ טוּ נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ אָן פְּרֶעגְן. גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, פְּרֶעג יֶעדֶע זַאךְ אִין דַיין לֶעבְן, וַוייל וֶוער עֶס גֵייט נָאךְ דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל - קֶען זִיךְ זֵייעֶר פַארְפְּלָאנְטֶערְן אִין לֶעבְן, אוּן נָאר דֶער וָואס גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן צַדִּיקִים - אִיז אִים גוּט.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיךְ.

...

## אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה הָאבְּן אַ גֶעפִּיל מִיר צוּ הֶעלְפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת וַיְחִי, י״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען הָאט מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פוּן אָפִּיס אַז מִיר זֶענֶען גֶעוָוארְן עֶפְּרָאוְ״ד פוּן דִי רֶעגִירוּנְג צוּ בַּאקוּמֶען גֶעלְט צוּ אִיבֶּערְמַאכְן אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל אַלֶע טִירְן אוּן פֶענְסְטֶערְס, קַאמֶערֶעס וְכוּ׳, אָבֶּער דִי גֶעלְט גֶעבְּן זֵיי נָאר נָאכְדֶעם וָואס דִי מוֹסָד לֵייגְט דָאס אוֹיס, דָאס הֵייסְט נָאכְן אַרֵיינְלֵייגְן דִי פֶענְסְטֶערְס, טִירְן, קַאמֶערֶעס וְכוּ׳, אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁטָא קַיין פְּרוּטָה אִין דִי קַאסֶע.

זָאגְן זֵיי מִיר אַז דוּ בִּיסְט ווִילִיג אוֹיסְצוּלֵייגְן דִי גֶעלְט. ווִיל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן מַיינֶע גֶעפִילְן, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה דֶערְפַאר, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ יֶעדֶע מָאל אִיךְ הֶער אַז תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה הָאבְּן אַ גֶעפִּיל מִיר צוּ הֶעלְפְן.

אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

...

## אַ שֵׁיינֶע גְרוּס פוּנֶעם בַּעַל הַבַּיִת וואוּ דוּ אַרְבֶּעסְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען אַ גְרוּס פוּן דֶער בַּעַל הַבַּיִת וואוּ דוּ אַרְבֶּעסְט, עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְקוּמֶען פוּן דַיין אֵיידֶלְקֵייט אוּן דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה, דוּ קוּמְסְט אִין אַרְבֶּעט מִיט אַ זֶעקֶל סְפָרִים, אוּן יֶעדֶע אִיבְּרִיגֶע מִינוּט בִּיסְטוּ שׁוֹין מִיט דַיינֶע סְפָרִים.

אוֹיךְ דַיין אֵיידֶלְקֵייט; עֶר שְׁרַייבְּט אַז דֶער גוֹי וָואס אַרְבֶּעט דָארְט זָאגְט אִים אַז דוּ בִּיסְט אַנְדֶערְשׁ פוּן אַנְדֶערֶע, דוּ רֶעדְסְט נָאר אֵיידְל, דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט נִיבּוּל פֶּה, אוּן וֶוען אֵיינֶער דֶערְוַוייגְט זִיךְ צוּ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה - בִּיסְטוּ זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, דוּ לָאזְט דָאס נִישְׁט.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, כִּי זֶה כָּל הָאָדָם.

אִיךְ קוּק זֵייעֶר אַרוֹיס אוֹיף דִּיר, וְכוּ׳ וְכוּ׳.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן גֶעבְּן דַיין שְׁטוּב פַאר דִי פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מַאכְן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע צַאמְקוּם פַאר פְרוֹיעֶן, גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיין וַוייבּ תְּחְיֶ׳ אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אִיךְ הָאף עֶס אִיז דִיר נִישְׁט שְׁוֶוער אַז דוּ דַארְפְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּב אֵיינְמָאל אַ וָואךְ בִּשְׁעַת דִי צַאמְקוּם, וַוייל אִידִישֶׁע מַאמֶעס דַארְפְן זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזּוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער לַתּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

בִּזְכוּת וָואס אִיר גֶעבְּט זִיךְ אַזוֹי אָוֶועק צוּ מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין בָּארָא פַּארְק - זָאלְט אִיר זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

...

**הֵייבְּן דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי מַאכְן אַ סִיּוּם**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, י״ט שׁוֹבָבִי״ם, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִינְסְטָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי אַ סִיּוּם הַשַּׁ״ס פוּן אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה. אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְצֵיילְן, זֵייעֶר וִויכְטִיג, וָואס אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזֶען, וָואס דוּ זָאלְסְט זִיךְ אָפְלֶערְנֶען; וַוייל וָואס אִיךְ הָאבּ דָארְט בֵּייגֶעווּאוֹינְט הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט בֵּייגֶעווּאוֹינְט בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה.

דִי מִשְׁפָּחָה פוּנֶעם בָּחוּר הָאט צוּגֶעגְרֵייט אִין שְׁטוּב אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה. אִיךְ

בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער; מַיין וַוייבּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי פְרוֹיעֶן פַארְבְּרֶענְג, אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג אִיז דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם יֶעדֶע דִינְסְטָאג, אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען נַיין דְרַייסִיג. דִי עֶלְטֶערְן אוּן בֵּיידֶע זֵיידֶעס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת, אַלֶע זֶענֶען גֶעזִיצְן מִיט אַ שִׂמְחָה, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה; פֶּעטֶערְס, קָאזִינְס, זֵיידֶעס, בַּאבֶּעס, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי סִיּוּם פוּנֶעם בָּחוּר וָואס הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען שַׁ"ס בְּגִירְסָא. אוֹיפְן טִישׁ זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעלֵייגְט דִי זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעטֵיילְט אַ סְעוּדָה בָּשָׂר וְדָגִים. דֶער טַאטֶע, דִי זֵיידֶעס, דִי פֶּעטֶערְס - אַלֶע הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם בָּחוּר וָואס הָאט גוֹרֵס גֶעוֶוען גַאנְץ שַׁ"ס.

בַּיי מִיר אִיז דָאס אַ נֵייעֶ זַאךְ. הֲגַם עֶס אִיז נִישְׁט דֶער עֶרְשְׁטֶער סִיּוּם הַשַּׁ"ס אוּן נִישְׁט דִי צְוֵוייטֶע, בְּמֶשֶׁךְ דִי פוּפְצְן יָאר יְשִׁיבָה אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער סִיּוּמִים, אָבֶּער אַזוֹינְס וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעזֶען, ווִי דִי מִשְׁפָּחָה פְרֵיידְט זִיךְ מִיט מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ - דָאס הָאט מִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען.

גֶעוֶוענְלִיךְ מַאכְן מִיר דִי סִיּוּמִים אִין יְשִׁיבָה וַוייל אִין שְׁטוּבּ לַאכְט מֶען אָפּ פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אַפָּאר װערְטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם פְּרַט, אַז עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ װען אַ קִינְד בַּאקוּמְט חִיזּוּק פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן פוּן דִי זֵיידֶעס אוּן אַרוּם, אַזוֹי הָאט עֶר אַ גוּטֶע רוּקְן בֵּיין, עֶס אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט דִי נִסְיוֹנוֹת הַדּוֹר.

דָאס דַארְפְן מִיר פַארְעֶכְטְן, מִיר דַארְפְן צוּלֵייגְן קָאפּ אוּן מֹחַ צוּ הֵייבְּן דִי קִינְדֶער װען זֵיי מַאכְן אַ סִיּוּם, זֵיי אוֹיסְרוּמֶען אוּן גֶעבְּן כָּבוֹד. יֶעדֶע מָאל אַ קִינְד קוּמְט זָאגְן 'מֶען גֵייט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק אִין חֵדֶר', אָדֶער 'מֶען הוֹיבְּט אָן אַ פְרִישֶׁע לִימּוּד' - דַארְף װערְן אַ יוֹם טוֹב אִין שְׁטוּבּ. עֶס דַארְף נִישְׁט קָאסְטְן קַיין גֶעלְט, מֶען קֶען גֶעבְּן דֶעם זֶעלְבְּן נַאכְטְמָאל מִיט אַ ווַייסֶע טִישְׁטוּךְ, מֶען קֶען גֶעבְּן דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן, נָאר מִיט אַ גֶעפִיל, מִיט הַארְץ, מִיט לוֹיבּ װערְטֶער, וַוייל װען קִינְדֶער שְׁפִּירְן 'טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן מִיךְ לִיבּ' - דֶעמָאלְט זֶענֶען זֵיי שְׁטַארְק, זֵיי קֶענֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע נִסְיוֹנוֹת.

מֶען הָאט מִיךְ גֶערוּפְן פוּן שְׁטֶעטְל, דֶער גַבְּאַי אַבְרָהָם הֶערְשׁ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ קוּמֶען צוּ דִי סִיוּם מַסֶכֶת נְדָרִים, מְחַזֵק זַיין דִי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל, אָבֶּער מִיר אִיז גֶעוֶוען וִויכְטִיגֶער צוּ גֵיין מְחַזֵק זַיין דֶעם בָּחוּר, זַיין בַּיי זַיין סִיוּם הַשַׁ״ס, אִים גֶעבְן דִי הַנָאָה, דִי גֶעפִיל.

אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעבְּלִיבְן זִיצְן דָארְט בִּיזְן סוֹף, אַ גַאנְצֶע גְרוּפֶּע חֲתַנִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב אִיךְ זָאל זֵיי מַדְרִיךְ זַיין מִיט דִי הֲלָכוֹת. דָאס אִיז מַיין סֵדֶר הַיוֹם אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג, אִיךְ לוֹיף פוּן אֵיין זַאךְ צוּם צְוֵוייטְן.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעלָאפְן זִינְגֶען, עֶנְדִיגְן אַ שֵׁיינֶעם טֶעיפּ וָואס וֶועט אוֹיפְפְלַאמֶען אִידִישֶׁע הֶערְצֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פוּן אַייעֶר זַייט זָאל זַיין שָׁלוֹם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, י״ט שׁוֹבָבִי״ם, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

מַזָל טוֹב פַאר דִי שִׁידוּךְ פוּן אַייעֶר זוּן ...., דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְן נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער.

אִיךְ וִויל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אִיר זָאלְט אַנְטֵייל נֶעמֶען אִין דִי שִׂמְחָה פוּן אַייעֶר קִינְד, וַוייל עֶס טוּט זֵייעֶר וֵויי פַאר אַ קִינְד וֶוען דִי מַאמֶע וִויל נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִי לְחַיִּים אוּן צוּ דִי תְּנָאִים, עֶס לָאזְט אִיבֶּער אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַ שְׁלֶעכְטֶע טַעַם; וִויל אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אִיר זָאלְט זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ לָאזְן פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעמְט אַ טֵייל אִינֶעם שִׁידוּךְ אוּן זֶעט אַז פוּן אַייעֶר זַייט זָאל זַיין שָׁלוֹם, וַוייל אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם - דָאס עֶרְשְׁטֶע אוּן דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע, מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט: ״אִיךְ הָאבּ פַיינְט מַחֲלֹקֶת״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְֿן עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָם וֶוערְן (מַלְאָכִי ג, כג-כד): "הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא וְגוֹ', וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים".

...

## אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע עֶנְגְשַׁאפְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ"ט שׁוֹבָבִי"ם, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶעם שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תרט) דִי תּוֹרָה זָאגְט: "וַחֲמֻשִׁים עָלוּ", זָאגְט רַשִׁ"י: "מְחֻמָּשִׁים", אֵיינְס פוּן פִינְף, זָאגְט דֶער רֶבִּי: "הַיְנוּ עַל יְדֵי חֲמִשָּׁה מוֹצָאוֹת הַפֶּה שֶׁהוּא הַדִּבּוּר", דוּרְךְ 'רֶעדְן' וָואס קוּמְט פוּן פִינְף כֹּחוֹת, פוּן דִי הַאלְז, גוּמֶען, צִינְג, צֵיין, אוּן לִיפְּן - "עָלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם, הַיְנוּ מִכָּל הַמֵּצַר", זֶענֶען דִי אִידְן אַרוֹיס פוּן דִי עֶנְגְשַׁאפְטְן, אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע עֶנְגְשַׁאפְטְן. אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים פוּן טְרָאוִויצֶער מַגִּיד (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם) אַן עֵצָה וֶוען עֶס אִיז דָא דִינִים אוֹיפְן מֶענְטְשׁ: "וַיַּסֵּב אֱלֹקִים" עֶס נֶעמְט אִים אַרוּם דִינִים, 'אֱלֹקִים' אִיז דִינִים, 'דֶּרֶךְ' אִיז דֶער וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין דֶערְפוּן, דוּרְךְ "הַמִּדְבָּר מִיּוֹסֵף" רַ"ם סוֹ"ף אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מִיּוֹסֵ"ף, מֶען זָאל רֶעדְן פוּנֶעם צַדִּיק, פוּן יוֹסֵף; אַז מֶען רֶעדְט פוּנֶעם צַדִּיק, פוּן דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק - וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אַן אַנְדֶערֶע מָאל מֶער בַּאֲרִיכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְֿן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ וויל דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען מִיט דִי חֲתַנִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ״ט שׁוֹבָבִי״ם, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

נֶעם אַ חַבְרוּתָא פַאר הִלְכוֹת טָהֳרָה, הוֹיבּ אָן סִימָן קפג בִּיז סִימָן קצט, לֶערְן גוּט דוּרְךְ דֶעם טוּר בֵּית יוֹסֵף מִיט בַּ״ח, אוּן אַז עֶס פֶעלְט אוֹיס זָאלְסְטוּ דוּרְכְלֶערְנֶען דִי גְמָרָא מִיט דִי רִאשׁוֹנִים, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין גוּט קְלָאר - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ רְמָ״א, טַ״ז אוּן שַׁ״ךְ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶס דַארְף נִישְׁט נֶעמֶען צוּ לַאנְג דָאס גוּט צוּ לֶערְנֶען אוּן קֶענֶען.

אִיךְ וויל דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען מִיט דִי חֲתַנִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. לֶערְן מִיט זֵיי אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר גֶעלֶערְנְט, אָן קַיין חוּמְרוֹת אוּן אָן קַיין פְּרִישׁוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נִישְׁט דַאוֶוענֶען שַׁבָּת אָן מִנְיָן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ״ט שׁוֹבָבִי״ם, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּלוּמִינְגְרָאװ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט דִי לֶעצְטֶע דְרֵיי שַׁבָּתִים מִנְיָן בַּיי אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת.

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט דַאוֶוענֶען שַׁבָּת אָן מִנְיָן; מֵילָא אַז עֶס פַּאסִירְט עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן קַיין מִנְיָן - אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער דַאוֶוענֶען וָואךְ נָאךְ וָואךְ אָן קַיין מִנְיָן, וָואס וֶועט זַיין מִיט דִיר אוּן וָואס וֶועט זַיין מִיט דַיינֶע קִינְדֶער...

זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן קַיין ווִילְדֶע זַאכְן; אַז מֶען וֵוייסְט פוּן פָארְאוֹיס אַז

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מִנְיָן - זָאלְסְטוּ גֵיין דַאוֶונֶען, הֶערְן קְרִיאַת הַתּוֹרָה, הֶערְן קְדוּשָׁה, כֶּתֶר וְכוּ' וְכוּ'.

שְׁטַארְק זִיךְ!

...

## מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְפָּאפְּן קִינְדֶער, זֵיי טוּעֶן וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן לִיבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ"ט שׁוֹבָבִי"ם, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְּרַאגֶע, וָואס קֶען מֶען טוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער צַדִיקִים? דֶער רֶבִּי זָאגְט, דוּרְךְ צְנִיעוּת בַּאקוּמְט מֶען גוּטֶע קִינְדֶער (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט).

אוֹיךְ דַארְף מֶען דָאס לִיבּ הָאבְּן; מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן לִיבּ הָאבְּן פְּרִיצוּת, מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְפָּאפְּן דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער טוּעֶן וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן לִיבּ; אַז דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן לִיבּ אִידִישְׁקֵייט, זֵיי הָאבְּן לִיבּ אֵיידְל, זֵיי הָאבְּן לִיבּ בַּאשֵׁיידְן, עֶס אִיז דָא אַ שִׂמְחָה בַּיים טוּן דִי מִצְוֹת - וֶועלְן דִי קִינְדֶער לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט אוּן טוּן מִצְוֹת.

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים. מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים אוֹיבּ אִיר קֶענְט זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אוּן אַז נִישְׁט - זָאגְט וִויפִיל אִיר קֶענְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֵייט נָאךְ דִי אֵיידֶעלֶע אִין דִי מִשְׁפָּחָה, גֵייט נָאךְ דִי בַּאשֵׁיידֶענֶע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ"ט שׁוֹבבי"ם, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ ווִיל אַייךְ נָאכְאַמָאל מְחַזֵק זַיין, אַייעֶר מַאמֶע הָאט פוּן אַייךְ נָאר נַחַת; זִי קוּקְט פוּן הִימְל אוּן זֶעט ווִי שֵׁיין אִיר פִירְט זִיךְ, זִי פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַייעֶר צְנִיעוּת.

פִירְט זִיךְ ווַייטֶער אֵיידֶל, רֶעדְט נִישְׁט מִיט קַיין שׁוּם פְרֶעמְדֶער מַאנְסְפֶּערְזָאן אוּן זִיכֶער נִישְׁט מִיט שְׁוָואגֶערְס; גֵייט נָאךְ דִי אֵיידֶעלֶע אִין דִי מִשְׁפָּחָה, גֵייט נָאךְ דִי בַּאשֵׁיידֶענֶע - וֶועט אִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר אַייעֶר מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּם בּוֹים, מִיר קֶענֶען זִיךְ גוּט בַּאנֵייעֶן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ"ט שׁוֹבבי"ם, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער. אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (דְּבָרִים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּם בּוֹים; מִיר קֶענֶען זִיךְ הַיינְט גוּט בַּאנֵייעֶן, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען בִּיז הַיינְט טְרוּקְן אוּן טוֹיט - קֶענֶען מִיר הַיינְט אָנְהוֹיבְּן וַואקְסְן, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

דִי וָואךְ אִיז דִי פַּרְשָׁה פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת אִיז גֶעשְׁרִיבְּן בִּלְשׁוֹן יָחִיד (שְׁמוֹת כ, ב): "אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ", אִיךְ בִּין דַיין בַּאשֶׁעפֶער, "אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם", וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֶעדְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער, יֶעדֶער אִיד דַארְף טְרַאכְטְן

אַז דִי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן נָאר פַאר אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֶעדְט צוּ אִים אוּן בֶּעט אִים: "זַיי אַ אִיד, דִין מִיךְ".

בַּאנֵיי זִיךְ, הוֹיב אָן מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט צוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט תַּרְגּוּם מִיט אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן גְּמָרָא; זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין.

אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף מִיר, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַבִּיסְל חִיזּוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הֶערְלִיךְ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, אַ גְרוֹיסֶע הֲפָצָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ"ט שׁוֹבְבִי"ם, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הֲפָצָה. בַּיי חֲתוּנוֹת קוּמֶען מִשְׁפָּחָה וָואס וָואלְטְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע׳ס צֶעפַאלְט; אַלֶע דִמְיוֹנוֹת וָואס מֶען דִמְיוֹנְ׳ט אוֹיף בְּרֶסְלֶב, אַלֶעס צֶעפַאלְט, מֶען וֶוערְט גֶעכַאפְּט אִין שָׁאק, מֶען זֶעט אַ רֵיינֶע הֵיילִיגֶע פְּלַאץ.

אִיךְ גֶעדֶענְק בַּיי דִי חֲתוּנָה פוּן מַיין זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר, מַיין זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְגֶ׳ער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ בַּאטֵיילִיגְט אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט מִיךְ צוּגֶערוּפְן אִינְמִיטְן טַאנְצְן זָאגְן: "מֶען שְׁפִּירְט דָא אַ רֵיחַ טָהֳרָה", עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אַפָּאר מָאל.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, רֶעד זִיךְ נִישְׁט אֵיין פַאר אַיין רֶגַע אַז דַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעוָוואנְדְן אִין פְּלוֹנִי אַלְמוֹנִי; דַיין פַּרְנָסָה לִיגְט נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הֶענְט. דֶערִיבֶּער אִיז אַ שָׁאד צוּ זַיין דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן, פַארְלָאז זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט שִׂמְחָה וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה לְכָבוֹד דִי יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי מוֹהֲרַא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דִי סְעוּדָה וֶועט זַיין פִּינְקְטְלִיךְ אַכְט אַזֵייגֶער, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם רֶעדְן פִּינְקְטְלִיךְ נַיין אַזֵייגֶער, וַוייל מַיין שְׁוָואגֶער מַאכְט חֲתוּנָה, וֶועל אִיךְ מוּזְן אַוֶועק גֵיין צֶען אַזֵייגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי שָׁאטֶעל זָאל זַיין בַּאקְוֶועם פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ"ט שׁוֹבָבִי"ם, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם, אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר, זֶע דַיין ווייבּ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ מִיט הַאלְטְן, אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ זִי אִיז נִישְׁט אִין דִי מָאד אַרוֹיסְצוּגֵיין - זָאלְסְטוּ אִיר מְחַזֵק זַיין זִי זָאל יָא אַרוֹיסְגֵיין אוּן אַז זִי וֶועט הַנָאָה הָאבְּן.

אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ מַאכְן דִי שָׁאטֶעל עֶס זָאל זַיין בַּאקְוֶועם פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם הַיינְט נַאכְט בַּיי דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם וֶועט מֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן וִוי אַזוֹי דִי שָׁאטְל וֶועט אַרְבֶּעטְן אַרוּם דִי שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זִיךְ קֵיינְמָאל אַרַיינְמִישְׁן אִין יֶענֶעמְ'ס גֶעשֶׁעפְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ"ט שׁוֹבָבִי"ם, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

נֶעמְט דֶעם כְּלַל אִין לֶעבְּן: זִיךְ קֵיינְמָאל אַרַיינְמִישְׁן אִין יֶענֶעמְ'ס

גֶעשֶׁעפְטְן, נִישְׁט בַּיי בְּרִידֶערְס אוּן נִישְׁט בַּיי שְׁוֶועסְטֶערְס; אַז אַייעֶר בְּרוּדֶער גְרֵייט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע - הָאט דָאס נִישְׁט מִיט אַייךְ, שְׁטֵייט פוּן דֶער זַייט, מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין, וַוייל מֶען וֶועט נָאר הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף אַייךְ אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן אַ רִיס אִין דִי פַאמִילְיֶע.

סַיידְן אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט אַייךְ אַייעֶר מֵיינוּנְג, דֶעמָאלְט קֶענְט אִיר זָאגְן אַייעֶר מֵיינוּנְג, אָבֶער וִוי לַאנְג מֶען פְרֶעגְט אַייךְ נִישְׁט - זָאלְט אִיר שְׁטֵיין פוּן דֶער זַייט.

אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן צַעַר - זָאלְט אִיר זֵיי אוֹיסְהֶערְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מִישְׁן קַיין קַאשֶׁע. הֶעצְט נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף דִי בְּרִידֶער, הֶערְט אוֹיס אַייעֶר מַאמֶע אוּן זַייט אִיר מְחַזֵּק מִיט אֱמוּנָה, זַייט אַייךְ מְחַזֵּק מִיט תְּפִלָּה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס זָאל זַיין גוּט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

פַארְגֶעסְט נִישְׁט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אוּן נאכְט פַאר אַייעֶר מִשְׁפָּחָה. דֶער קָאפּ וֶוערְט פַארְדְרֵיידְט מִיט דָאס אוּן יֶענְץ, אוּן מֶען פַארְגֶעסְט צוּ זָאגְן "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" פַאר וָואס מֶען הָאט; טָאג אוּן נַאכְט זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר וָואס אִיר הָאט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זָאלְסְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה וִוי פְרִיעֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל׳ שׁוֹבבי"ם, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מַקְפִּיד אוֹיף טְבִילַת עֶזְרָא. אֲפִילוּ עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין חִיוּב, אוּן מִצַּד הֲלָכָה אִיז בָּטְלָה טְבִילַת עֶזְרָא - דָאךְ זָאלְסְטוּ זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה וִוי פְרִיעֶר.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין הֲפָצָה, חֲלִישַׁת הַדַּעַת בַּיי הֲפָצָה הָאט מֶען נָאר אוֹיבּ מֶען

טְרַאכְט פוּן גֶעלְט. ווִי נָאר מֶען פַּארְגֶעסְט פוּן תַּכְלִית הוֹיבְּן זִיךְ אָן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; מֶען וֶוערְט פַּארְשֶׁעמְט, מֶען הָאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן בִּלְבּוּלִים, דִי מְפִיצִים וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶער צִיל אִיז אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי בַּת מֶלֶךְ פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, אוֹיפְזוּכְן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חֲלִישׁוּת הַדַעַת, דִי גֵייעֶן אָן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דוּ ווִילְסְט אַרַיינְשִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער, דַארְפְסְטוּ רֶעדְן מִיטְן מְנַהֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל׳ שׁוֹבְבִי״ם, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווִילְסְט אַרַיינְשִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער אִין אוּנְזֶער מוֹסָד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין טְבֶרְיָ׳ - דַארְפְסְטוּ רֶעדְן מִיטְן מְנַהֵל ר׳ יִצְחָק פָּאפְּנְהֵיים נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער מְנַהֵל אִיז אַחֲרָאִי סֵיי אוֹיפְן חֵדֶר אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוֹיף בֵּית פֵּיגָא אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן אוֹיךְ אוֹיפְן חֵדֶר אִין טְבֶרְיָ׳; נִישְׁט גֵיין צוּם מְלַמֵד פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אַרַיינְשִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער.

אִין טְבֶרְיָ׳ הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין יְשִׁיבָה, אוֹיךְ הָאבְּן מִיר נָאכְנִישְׁט קַיין בֵּית פֵּיגָא דָארְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִין קוּרְצְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אַלְץ גֶעלֶערְנְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל"א שׁוֹבָבִי"ם, י"ז שְׁבַט, שְׁנַת ה'תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז דֶער יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן בְּקִיצוּר וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן.

עֶרְשְׁטְנְס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַן אִיסוּר פוּן פַיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד, אַזוֹי אִיז דָא אַן אִיסוּר פַיינְט צוּ הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין. אוּן אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אִיד, אַזוֹי דַארְף מֶען לִיבּ הָאבְּן זִיךְ אַלֵיינְס.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, הַיינְט אִינֶעם יָארְצַייט זָאלְסְטוּ פָּאלְגְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט. קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ אוּן טְרַייבּ אַרוֹיס דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס קְלַאפְּן דִיךְ אַרָאפּ, אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גוּט; וַוייל דוּ בִּיסְט יָא גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד אוּן עֶר וַוארְט מֶען זָאל רֶעדְן צוּ אִים אוּן צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים.

שֵׁנִית, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג פוּן לֶערְנֶען (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען זָאל מֶען לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין; דֶערִיבֶּער אִין אַזַא גְרוֹיסְן טָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי אוֹיךְ גְמָרָא; זָאג דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה; דֶערְפַאר הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אַ דַף גְמָרָא; אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ טוּן - אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין הֲלָכָה, מֶדְרָשׁ, זוֹהַר אוּן אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "מְעַט גַּם כֵּן טוֹב",

אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט; וַוייל וֶוען מֶען וִויל טוּן אַסַאךְ אוּן מֶען קֶען נִישְׁט - טוּט מֶען גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אַז מֶען וֵוייסְט אַז אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט אוּן חָשׁוּב - דֶעמָאלְט קֶען מֶען אָנְקוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ.

אוֹיךְ הָאט מוֹהֲרָא"ש אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס גַן עֵדֶן לֶעבְּן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַז דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדָה; גְרֶעסֶער פוּן פַאסְטְן אוּן סִיגוּפִים. דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶעוִוסְט אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, עֶר וָואלְט נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הִתְבּוֹדְדוּת; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, זָאלְסְט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעטוּן אִין דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דָאס אַלֶעס אָפְּמֶעקְן - וֶועט אַלֶעס וֶוערְן אָפְּגֶעמֶעקְט.

וָואס נָאךְ הָאט מוֹהֲרָא"ש אוּנְז גֶעלֶערְנְט, שָׁלוֹם בַּיִת; מִיט אַ וַוייבּ טַעֲנָה'עט מֶען נִישְׁט, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן פְלֶעגְט אִיבֶּערְ'חַזֶרְ'ן בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד) "לְכַבֵּד וּלְיַקֵּר אֶת אִשְׁתּוֹ", מִיר זָאלְן הַאלְטְן חָשׁוּב אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, "כִּי אָמַר: הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם בְּכַמָּה אֳפָנִים הַקָּשִׁים וּכְבֵדִים מְאֹד מְאֹד" וְכוּ' וְכוּ', דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי וַוייבֶּער לַיידְן אַסַאךְ צַעַר, אוּן זֵיי הָאבְּן גְרוֹיסֶע יְסוּרִים פוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין. אֵיין זַאךְ זָאג אִיךְ דִיר, אַז דוּ וֶועסְט טוּן וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו - וֶועסְטוּ הָאבְּן עֶפֶּעס גֶעטוּן אִינֶעם יָארְצַייט, אוּן אַז נִישְׁט - וֶועט דֶער טָאג אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט גָארְנִישְׁט. דִי גְרוֹיסֶע טֶעג אִיז גוּט אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען עֶפֶּעס פוּנֶעם טָאג, אָבֶּער אַז מֶען גֵייט וַוייטֶער, אָן זִיךְ לֶערְנֶען פוּנֶעם צַדִּיק - בְּלַייבְּט מֶען מִיט גָארְנִישְׁט.

מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועט זַיין דִי לֵיל שִׁשִׁי שִׁיעוּר דִי וָואךְ אִינֶעם בָּארָא פַּארְק'עֶר שׁוּל, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיטְהַאלְטְן דִי שִׁיעוּר. דִי וָואךְ אִיז דָא אַסַאךְ וָואס צוּ רֶעדְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרַיינְלֵייגְן וַוארֶעמְקֵייט אִין דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל"א שׁוֹבָבִי"ם, י"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּקִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן דַאוֶונֶען אוֹיפְ'ן קוֹל אוּן זִיךְ שָׁאקְלֶען בַּיים דַאוֶונֶען, זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט חֲבֵרִים בַּיים דַאוֶונֶען.

אִיךְ וִויל זָאלְסְט אַרַיינְלֵייגְן וַוארֶעמְקֵייט אִין דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זַיין וַוארֶעם צוּ דִי מִצְוֹת, נִישְׁט קַאלְט אוּן טוּן דִי מִצְוֹת מִיט אַ קַאלְטְקֵייט. זֵיי זָאלְן דַאוֶונֶען מִיט אַ בְּרֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט. וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען אִין בְּרֶסְלֶב וואוֹינֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ וִויל צוּרִיק מְחַדֵּשׁ זַיין דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי אַמָאלִיגֶע חֲסִידִים הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט, מִיט אַ פֵייעֶר אוּן אַ פְלַאקֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף לֶעבְּן אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה הֵייסְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל"א שׁוֹבָבִי"ם, י"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער אַז נָאכְן הֶערְן אַזוֹיפִיל שִׁיעוּרִים - זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ נִישְׁט הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען פוּן צְוִוישְׁן דִי שׁוּרוֹת וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן אָן קַיין פְּרִישׁוּת.

דִי אַלֶע זַאכְן וָואס דוּ פְרֶעגְסְט - קֶענְסְטוּ טוּן וְכוּ׳ וְכוּ׳. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג נָאכְזָאגְן וָואס רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים בֶּעטְן הַדְרָכוֹת שֶׁל בֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ׳, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת"; דָאס הֵייסְט מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין הִלְכוֹת טָהֳרָה, מֶען זָאל חַזֶר'ן הִלְכוֹת נִדָּה צוּ וִויסְן נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן אִין קַיין שׁוּם הֲלָכָה, אָבֶּער וֶוען מֶען מֶעג - מֶעג מֶען אַלֶעס וְכוּ׳ אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַ מְנִיוָול אִיז מֶען - אַז מֶען טוּט עֲבֵירוֹת, אַז מֶען לֶעבְּט אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט, מֶען לֶעבְּט מִיט אַ וַוייבּ מִיט לִיבְּשַׁאפְט - אִיז מֶען נִישְׁט קַיין מְנִיוָול.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל דוּ הוֹיבְּסְט אָן דַיין שְׁאֵלָה: "אִיךְ ווִיל בֶּעטְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיךְ נִישְׁט אָנְקוּקְן שְׁלֶעכְט"; דִי אַלֶע זַאכְן וָואס דוּ פְרֶעגְסְט - דָאס אִיז אַלֶעס מֻתָּר, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען זַיין הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ, נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען דַיין וַוייבּ זָאל זַיין מִיט דִיר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל"א שׁוֹבָבִי"ם, י"ז שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דֶערְצֵיילְן פַאר דַיינֶע בַּאקַאנְטֶע אַז דוּ שֶׁעפְּסְט חַיּוּת פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; עֶנְדֶערְשׁ גֵיי שְׁטַייטְלִיךְ, עֶנְדֶערְשׁ נָאכְנִישְׁט דֶערְצֵיילְן, עֶס וֶועט שׁוֹין אַזוֹי גֶעשֶׁען מִיט דֶער צַייט.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען דַיין וַוייבּ זָאל זַיין מִיט דִיר, זִי זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מִתְנַגֵד אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן; אוֹיבּ קֶענְסְטוּ פּוֹעֶל'ן דַיין וַוייבּ זָאל זַיין מִיט דִיר - וֶועסְטוּ צוּקוּמֶען צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן. אַז מֶען הָאט דִי וַוייבּ מִיט זִיךְ אוּן בֵּיידֶע לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן - קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

פַארְוָואס זִיךְ זָארְגְן אוֹיף אַ וֶועלְט וָואס בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ אַייךְ?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל"ב שׁוֹבָבִי"ם, י"ח שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ נֵס אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ וָואס בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס דֶערְמַאנְט מִיךְ יֶעדֶע מִינוּט נָאכְאַמָאל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן תַּכְלִית; וואוּ וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען אוּן וִוי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן...

דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אוּנְז אִין דִי צַוָואָה - דָאס שְׁטֵייט מִיר פַאר מַיינֶע אוֹיגְן, אוּן דָאס זָאלְסְטוּ לֵייגְן פַאר דַיינֶע אוֹיגְן (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ח): "וְעַל כֵּן מַה לָכֶם לִדְאוֹג עַל עוֹלָם שֶׁאֵינוֹ שֶׁלָּכֶם", - דֶערִיבֶּער וָואס דַארְפְט אִיר זִיךְ זָארְגְן אוֹיף אַ וֶועלְט וָואס בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ אַייךְ? "וּמַה לָכֶם לְהִתְבַּלְבֵּל מֵאֲחֵרִים", וָואס דַארְפְט אִיר וֶוערְן מְבוּלְבָּל פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן?

עֶס כַאפְּט מִיר אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת פוּן דִי וֶוערְטֶער, אִיךְ הוֹיבּ אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן אַ צַדִיק וָואס שַׁיינְט אַרַיין אִין מִיר אַזַא שֵׂכֶל: "וְעַל כֵּן מַה לָכֶם לִדְאוֹג עַל עוֹלָם שֶׁאֵינוֹ שֶׁלָּכֶם", דֶערִיבֶּער וָואס דַארְפְט אִיר זִיךְ זָארְגְן אוֹיף אַ וֶועלְט וָואס בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ אַייךְ? "וּמַה לָכֶם לְהִתְבַּלְבֵּל מֵאֲחֵרִים", וָואס דַארְף אִיר וֶוערְן מְבוּלְבָּל פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן?

דַאנְק דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַ חֵדֶר, אַ סְקוּל - וָואס מֶען אִיז זֵיי מְחַנֵךְ פוּן קְלֵיינֶערְהֵייט מִיט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, מִיט אַ זִיסְקֵייט צוּ תּוֹרָה אוּן אִידִישְׁקֵייט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן", אוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא", דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְלַאם אוּן מִיט אַ פְלַאקֶער; אַז מִיר זָאלְן צוּאוִויסְן טוּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן הֶעלְפְט יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט זַיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר אִין בָּארָא פַּארְק'עֶר שׁוּל.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אִיר קֶענְט הָאבְּן הַצְלָחָה נָאר אוֹיב עֶנְק וֶועלְן זַיין בְּאַחְדוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל"ב שׁוֹבְבִי"ם, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ לָאנְדָאן, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ ווִיל שְׁטֶעלְן צְוֵויי גַבָּאִים וָואס זֵיי וֶועלְן אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דִי זְמַנִים אוּן דִי סֵדֶר ווִי אַזוֹי אַלֶעס זָאל זִיךְ פִירְן אִין שׁוּל, ר' שְׁמוּאֵל אֱלִיעֶזֶר פֶּערְל אוּן ר' שִׂמְחָה בְּלָאק.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק אַלֶע מֶען זָאל זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אוֹיב מֶען הָאט עֶפֶּעס אַ טַעֲנָה זָאל מֶען זִיךְ מֶעלְדְן צוּ דִי גַבָּאִים, אָדֶער קֶען מֶען מִיר שְׁרַייבְּן.

אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ עֶנְק זָאגְן, אִיר קֶענְט הָאבְּן הַצְלָחָה נָאר אוֹיב עֶנְק וֶועלְן זַיין בְּאַחְדוּת. אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ כִּמְעַט צְוָואנְצִיג יָאר, אִיךְ הָאב אַסַאךְ גֶעזֶען; נָאר דִי וָואס הָאבְּן פַיינְט מַחֲלֹקֶת - דִי הַאלְטְן זִיךְ שְׁטַארְק בַּיים רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט גוּט, נָאר אִיךְ לַייד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, לַ"ג שׁוֹבָבִי"ם, י"ט שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, זַייט נִישְׁט מְקַנֵּא קֵיינֶעם; יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיין פֶּעקֶל צָרוֹת. פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען דָאס נִישְׁט, פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז 'יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט גוּט, אוֹיסֶער אִיךְ לַייד', אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז קְלָאר אַז יֶעדֶער לַיידְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט): "שֶׁכָּל בְּנֵי הָעוֹלָם כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים, וְאֵין גַּם אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה לוֹ עוֹלָם הַזֶּה, וַאֲפִילוּ הָעֲשִׁירִים הַגְּדוֹלִים אֵין לָהֶם שׁוּם עוֹלָם הַזֶּה כְּלָל", עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶועם מְקַנֵּא צוּ זַיין, עֶס אִיז נַארִישׁ מְקַנֵּא צוּ זַיין. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַלֶע מַחֲלֹקֶת, אַלֶע קְרִיגֶערַייעֶן וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, מִשְׁפָּחָה וְכַדוֹמֶה - אִיז קִנְאָה, נָאכְדֶעם גֵייט עֶס צוּ שִׂנְאָה, בִּיז רְצִיחָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן, דִי אוֹתִיּוֹת פוּן שֶׁקֶר; עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיטְן מִיטְלְסְטְן אוֹת קִ'נְאָה, נָאכְדֶעם שִׂ'נְאָה, בִּיז רְ'צִיחָה. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אֵיין שְׁטִיק צַעַר זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה, עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין", וֶוער עֶס אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן - וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט; בְּפַשְׁטוּת גֵייט עֶס אַרוֹיף אוֹיף נָאךְ דִי פְּטִירָה, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא גֶעוֶוען - וֶועט זַיין גוּף נִישְׁט פַארְפוֹילְט וֶוערְן אִין קֶבֶר. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט קִנְאָה, וֶוערְן אִים זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - טָאר מֶען נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לד) יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כא:) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ דָאקְטֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אַבָּא אוּמְנָא, עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל פוּן

הִימְל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמָנָא"; אַבַּיֵי פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען נָאר אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ גְרוּס פוּן הִימְל, יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת פְלֶעגְט עֶר הֶערְן אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבַּיֵי"; רָבָא פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען דֶעם בַּת קוֹל נָאר אֵיין מָאל אַ יָאר, יֶעדְן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר פְלֶעגְט עֶר הֶערְן: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ רָבָא"; זָאגְט דִי גְמָרָא אַז אַבַּיֵי הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פַארְוָואס עֶר בַּאקוּמְט נָאר אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אַ בַּת קוֹל אוּן אַבָּא אֻמָּנָא בַּאקוּמְט יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן הִימְל: "לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָא דְאַבָּא אֻמָּנָא", דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַבָּא אוּמְנָא טוּט; אַזוֹי וִוי דֶער תָּם פְלֶעגְט זָאגְן: "דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה".

מִיר דַארְפְן זִיךְ לֶערְנֶען פוּנֶעם תָּם. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט שֵׁיינֶע שִׁיךְ, עֶר פְלֶעגְט מַאכְן אַ שִׁיךְ וָואס הָאט גֶעהַאט דְרֵיי עֶקְן, עֶס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ שִׁיךְ, דָאךְ - פַארְצֵיילְט דֶער רֶבִּי - פְלֶעגְט דֶער תָּם נֶעמֶען זַיין שִׁיךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶ' זַיין דֶערְמִיט, אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע שִׁיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט, וִוי זִיס אִיז מַיין שִׁיךְ, וִוי הָאנִיג'דִיג אִיז מַיין שִׁיךְ, וָואס פַאר אַ צוּקֶערְדִיגֶע שִׁיךְ, אַ וואוֹילֶע שִׁיךְ", זַיין וַוייבּ - וֶוען זִי פְלֶעגְט הֶערְן וִוי אִיר מַאן דֶער תָּם אִיז זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶ' מִיט זַיין שִׁיךְ אוּן עֶר לוֹיבְּט זַיין שִׁיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק - פְלֶעגְט זִי אִים פְרֶעגְן: "אוֹיבּ אִיז עֶס יָא אַזוֹי, פַארְוָואס נֶעמֶען אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס אַסַאךְ מֶער גֶעלְט וִוי דוּ נֶעמְסְט פַאר דַיין שִׁיךְ?" פְלֶעגְט אִיר דֶער תָּם עֶנְטְפֶערְן: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, לָאמִיר זֶען וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין מִיַד לְיַד וְכוּ'"; דָא לִיגְט דֶער סוֹד פוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיט זִיךְ; אֲפִילוּ עֶר הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן - דָאךְ זָאל עֶר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אַזוֹי בַּאשַׁאפְן.

דָאס אִיז סַיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיוּת. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת פֶּסַח ט, אוֹת כב) אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵק זַיין נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין

הִתְפַּעֲלוּת פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן אִים וֶוען עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַּאלְן, אַזוֹי אוֹיךְ אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער - זָאגְט רֶבִּי נָתָן - דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין בַּיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְרָאכְן פוּן זַיינֶע עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, וֶוען עֶר זֶעט ווִי זֵיי שְׁטֵייגְן אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן 'אִיךְ זֶע אוֹיס אַזוֹי ווִי אִיךְ זֶע אוֹיס וְכוּ'', "וְכָל זֶה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב, רַק כָּל אֶחָד יָבִין בְּעַצְמוֹ כְּפִי עִנְיָנָיו, וּכְנֶגֶד כָּל מִינֵי מְנִיעוֹת וַחֲלִישׁוּת הַדַּעַת שֶׁבָּעוֹלָם צְרִיכִין לֵילֵךְ בַּדֶּרֶךְ הַנַּ"ל, בִּבְחִינַת אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם, לַחֲשֹׁב כְּאִלּוּ הוּא יְחִידִי בָּעוֹלָם".

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

בס"ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

## צו אייער טיר

אויף די פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים

# עצתו אמונה



הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
**יואל רוטה**
שליט"א

היכל הקודש

חיזוק
צום טיר

רופט אדער טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש

**718-387-2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

goodpointmediainc@gmail.com